# לקט

ייִדישע שטודיעס הײַנט

## Jiddistik heute

## Yiddish Studies Today

d|u|p

Jiddistik Edition & Forschung Yiddish Editions & Research ייִדיש אויסגאַבעס און פֿאָרשונג

Der vorliegende Sammelband לקט eröffnet eine neue Reihe wissenschaftlicher Studien zur Jiddistik sowie philologischer Editionen und Studienausgaben jiddischer Literatur. Jiddisch, Englisch und Deutsch stehen als Publikationssprachen gleichberechtigt nebeneinander.

*Leket* erscheint anlässlich des XV. Symposiums für Jiddische Studien in Deutschland, ein im Jahre 1998 von Erika Timm und Marion Aptroot als für das in Deutschland noch junge Fach Jiddistik und dessen interdisziplinären Umfeld ins Leben gerufenes Forum. Die im Band versammelten 32 Essays zur jiddischen Literatur-, Sprach- und Kulturwissenschaft von Autoren aus Europa, den USA, Kanada und Israel vermitteln ein Bild von der Lebendigkeit und Vielfalt jiddistischer Forschung heute.

ISBN 978-3-943460-09-4
9 783943 460094

d|u|p düsseldorf university press

ייִדיש & אויסגאַבעס און פֿאָרשונג

Jiddistik Edition & Forschung

Yiddish Editions & Research

Herausgegeben von Marion Aptroot, Efrat Gal-Ed,
Roland Gruschka und Simon Neuberg

Band 1

לקט ❦ ייִדישע שטודיעס הייַנט

# Jiddistik heute

## Yiddish Studies Today

Herausgegeben von

Marion Aptroot, Efrat Gal-Ed,

Roland Gruschka und Simon Neuberg

d|u|p

*Yidish: oysgabes un forshung*
Jiddistik: Edition & Forschung
Yiddish: Editions & Research

Herausgegeben von Marion Aptroot, Efrat Gal-Ed,
Roland Gruschka und Simon Neuberg

Band 1

*Leket: yidishe shtudyes haynt*
*Leket*: Jiddistik heute
*Leket*: Yiddish Studies Today

Bibliografische Information Der Deutschen Nationalbibliothek
Die Deutsche Nationalbibliothek verzeichnet diese Publikation in der Deutschen Nationalbibliografie; detaillierte bibliografische Daten sind im Internet über http://dnb.d-nb.de abrufbar.

© düsseldorf university press, Düsseldorf 2012
Alle Rechte vorbehalten. Das Werk einschließlich aller seiner Teile ist urheberrechtlich geschützt. Jede Verwertung ist ohne Zustimmung des Verlags unzulässig. Das gilt insbesondere für Vervielfältigungen, Übersetzungen, Mikroverfilmungen und die Einspeicherung in elektronische Systeme.

Typografie, Satz, Umschlag: Efrat Gal-Ed
Druck und Bindung: Druckerei C. H. Beck, Nördlingen
Hauptschriften: Brill, Hadassah EF
Papier: 100 g/m² Geese-Spezial-Offset

ISBN 978-3-943460-09-4 ISSN 2194-8879
URN urn:nbn:de:hbz:061-20120814-125211-1
Printed in Germany

שמעון נויבערג

# די שפּראַך פֿון דעם בעל־ה„צאינה־וראינה“ס „מליץ־יושר“

דער מחבר פֿון „צאינה־וראינה“ און זײַן שפּראַך זענען זייער אַ וויכטיקער ענין צוליב אַ סך טעמים וואָס איך האָב מסתּמא שוין דערמאָנט בײַ אַ פֿריִערדיקן סימפּאָזיום, און טאָמער נישט איז עס דערפֿאַר, ווײַל איך האָב עס שוין געזאָגט בכּתבֿ אין מײַן בוך וועגן „צאינה־וראינה“. דאָרטן האָב איך געפּרוּווט אויספֿאָרשן די שפּראַך פֿון דעם ווערק לויט די פֿריִיקסטע אויסגאַבעס וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען און איך האָב אַנאַליזירט די סלאַווישע עלעמענטן אָבער אויך פֿאַרשיידענע קלייניקייטן וואָס האָבן געוויזן אַז טיילן פֿון דעם „צאינה־וראינה“־קאָרפּוס שטאַמען נישט פֿון דער פּעדער פֿונעם הויפּט־מחבר נאָר וואָס: זיי זענען איבערגענומען פֿון גרייטן, פֿון פֿאַרלוירענע מקורים בכּתבֿ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיי אַחוץ דעם פּראַקטיש גאָרנישט.

איך האָב דעמלט אויך אָנגעוויזן פּראָגראַמאַטיש אויף צוויי פּלענער, וויכטיקע פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט „צאינה־וראינה“. ערשטנס דאָס נאָכקוקן געניי די אַנטוויקלונג פֿון דעם טעקסט דורך די הונדערטער דרוקן און איבערדרוקן פֿונעם חיבור, כּדי צו אַנאַליזירן די וואַריאַנטן און אַזוי אַרום באַלײַכטן די אַנטוויקלונג פֿון דער שפּראַך לגבי ווערטער־אוצר און סינטאַקס. און צווייטנס, אַ באַשיידענערע אַרבעט: דאָס נאָכקאָנטראָלירן די שפּראַכיקע אייגנסן אין אַנדערן ווערק פֿון זעלבן מחבר, כּדי צו פּרעציזירן די באַשרײַבונג פֿון זײַן שפּראַך – אַזוי ווי זי האָט זיך באַוויזן אויפֿן סמך פֿון „צאינה־וראינה“.

דעם צווייטן, באַשיידענערן פּראָיעקט וויל איך הײַנט פּרוּוון אויסצופֿילן... און איך בין זיך סומך, פֿאַרשטייט זיך, אויף די אויסגעפֿינסן וועגן „צאינה־וראינה“, וואָס זענען שוין באַקאַנט – איך וועל אָבער אַוודאי ניט פֿאַרשווײַגן דאָס וואָס איז ספּעציפֿיש פֿאַרן „מליץ־יושר“... ווער רעדט נאָך, אַז עס ווײַזט זיך אַרויס אַז דער פּשוטער פֿאַרגלײַך ברענגט ניט קיין גרויסע חידושים!

לאָמיך אויב אַזוי אײַך באַקענען מיט דעם בוך און מיט דער ספּעציפֿישער ביבליאָגראַפֿישער לאַגע. די „צאינה־וראינה“ איז געקומען צו אונדז אין אַ פּסעוודאָ־באַזעלער דרוק פֿון 1622 וואָס איז אונדזער איינציקער עדות וועגן דעם, אַז מע האָט פֿריִער שוין געהאַט געדרוקט די „צאינה־וראינה“ אין מיזרח־אייראָפּע אַפֿילו דרײַ מאָל!

מיטן „מליץ־יושר“ איז ענלעך: מיר פֿאַרמאָגן אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן פֿון אַן אַמסטער־דאַמער דרוק פֿון יאָר 1688... און פֿון אַ הסכּמה דאָרטן קען מען דרינגען אַז דאָס ערשטע מאָל האָט מען עס געדרוקט אין לובלין אין יאָר 1622. – קיין איין עקזעמפּלאַר פֿון לובלינער אויפֿלאַגע איז הײַנט נישט בנימצא.

דאָס איז דער טעקסט פֿון אַ רעפֿעראַט געהאַלטן דעם 24סטן סעפּט. 2008 אין דיסלדאָרף בײַם סוף פֿון „11טן סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד“. צוליב דעם איז עס פּאַסיק פֿאַר אַזאַ יובֿל־בוך ווי דער אָ באַנד – און אַחוץ דעם האָף איך אַז די געברענגטע אויסגעפֿינסן וועלן אינטערעסירן און נוצלעך זײַן אַלע ליבהאָבערס פֿון „צאינה־וראינה“ און פֿון דער קרובֿישער ליטעראַטור.

דאָס בוך וויל זײַן אַ צוגאָב צו דער „צאינה־וראינה“, ווײַזט אויס אַז דער מחבר – יעקבֿ בן יצחק אַשכּנזי – האָט געהאַט דערלעבט אַזאַ גרויסן דערפֿאָלג פֿון זײַן באַרימט בוך, אַז ער האָט געוואָלט ניצן נאָך אַ מאָל זײַן רעצעפּט, נאָר קיין פֿאַרגלײַך אינעם פּרט דערפֿאָלג (געמאָסטן אין אויסגאַבעס) קען גאָר ניט זײַן. די „צאינה־וראינה“ האָט ווײַזט אויס פֿאַר די מערסטע לייענערס פֿולשטענדיק געדעקט די באַדערפֿענישן, קיין צווייט בוך פֿון דעם מין האָט מען ניט געדאַרפֿט.

אינטערעסאַנט וואָס דער מחבר חזרט ניט איבער, נאָר גיט אַ מאָל צוגאָב־דער־קלערונגען און דערמאָנט זײַן פֿריִערדיקן בעסט־סעלער. איך האָב איבערגעציילט (אַחוץ די דרײַ דערמאָנונגען פֿון בוך אין אַרײַנפֿיר) 12 ערטער ווו דאָס בוך „צאינה־וראינה“ ווערט אָנגערופֿן בײַם נאָמען, צום בײַשפּיל אַזוי:[1]

| | |
|---|---|
| [1] אין ספֿר צאנה וראנה שטיט נאך איין תירוץ [...] | (7$^{v}$b, l. 35) in ṡefer Zė’enẹ-uRė’enẹ štėt noch ain thėrez [...] |

אָדער

| | |
|---|---|
| [2] עש זיין פֿיל פשטים אויף דאש ווארט (כיום) אז דא שטיט אין ספֿר (צאנה וראנה) אבר מן קאן נאך מין זאגן כלומר [...] | (10$^{v}$a, l. 47) es sein fil pėšotim ouf das wort (כיום) aṣ do štėt in ṡefer (Zė’enẹ-uRė’enẹ) abėr mȧn kan noch mėn sagėn cėlȯmėr [...] |

אָדער

| | |
|---|---|
| [3] פֿון דיזר סדרה האט מן גינוגן גירעט אין דעם (ספֿר צאנה־וראנה) [...] | (50$^{v}$a, l. 1) fun disėr ṡedrẹ hot mȧn gėnugėn gėret in dem (ṡefer Zė’enẹ-uRė’enẹ) [...] |

אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור זענען אַזעלכע דערמאָנונגען פֿון אַנדערע ייִדישע ביכער גענוג זעלטן, און מע וואָלט אַזעלכעס אַוודאי געמעגט צונויפֿקלײַבן, אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט...

חנא שמערוק זאָגט אין זײַן ביבליאָגראַפֿיע פֿון ייִדישע ביכער געדרוקטע אין פּוילן אַז אונדזער אויסגאַבע איז אַ נאָענטע קרובֿה פֿון דער לובלינער editio princeps – און ער איז מסתּמא גערעכט: מע קען לויט פֿאַרשיידענע סימנים פֿונאַנדערשיידן די אַרבעט פֿון צוויי זעצערס וואָס האָבן צוזאַמען געגרייט דעם „מליץ־יושר“ און איך האָב אַ חשד אַז דאָס זענען נישט אַזוי די אַמסטערדאַמער אַרבעטער, ווי די וואָס האָבן געמאַכט די עלטערע לובלינער, און אַז מע האָט יענע פּראַקטיש אות באות און אַ זײַטל פֿאַר אַ זײַטל איבערגעדרוקט אין אַמסטערדאַם.

1 די ציטאַטן ווערן געבערענגט אין (אָריגינאַל און אין) דער אָנגענומענער טראַנסקריפּציע פֿאַר אַלטייִדיש; „צאינה־וראינה“ ווערט דערמאָנט אין גאַנצן 15 מאָל (1$^{r}$b, ש. 35, 2$^{v}$a, ש. 20, 26, 7$^{v}$b, ש. 35, 10$^{v}$a, ש. 48, 12$^{v}$a, ש. 15, 12$^{v}$b, ש. 56, 14$^{r}$b, ש. 53, 15$^{r}$a, ש. 23–24, 25$^{r}$b, ש. 48, 35$^{r}$b, ש. 6, 34, 50$^{v}$a, ש. 1, 53$^{v}$b, ש. 10, 72$^{r}$a, ש. 1).

אַזאַ פּרוּוו צו דערקענען לויט דעם אויסלייג די אַרבעט פֿון פֿאַרשיידענע זעצערס האָב איך עטלעכע מאָל פֿאָרגעשטעלט, אַנאַליזירנדיק פֿאַרשיידענע אַלטייִדישע ביכער... איך קען זיך אָבער נישט איַינהאַלטן, איך מוז עס טאָן נאָך אַ מאָל, ווי באַלד מיר עפֿענען דאָס ערשטע מאָל אָט דאָס־אָ בוך! איך וועל פּרוּוון עס מאַכן בקיצור... און פֿריִער פּטרן דעם צוגעזאָגטן פֿאַרגלייַך מיט „צו״ר״.

אַוודאי איז וויכטיק צו פּרוּוון דערשאַצן די ווירקונג פֿון די זעצערס, מע זאָל דערנאָכדעם פּרוּוון דורכקוקן – אויף ווי ווייַט מעגלעך – ביז צו דער שפּראַך פֿונעם מחבר גופֿא. דאָס קען איך אָבער הייַנט ניט טאָן זייער פּרטימדיק, און עס וועט זייַן גענוג קאָמפּליצירט. לאָמיר בעסער אָנהייבן מיט גרעסערע איינסן, און צום סאַמע ערשטן פֿון אויבנאויפֿיקע פֿענאָמענען, דהייַנו די סלאַווישע ווערטער. ס׳איז נישט כּדאַי צו דערמאָנען, ווי וויכטיק עס איז צונויפֿצוקלייַבן אַפֿילו געציילטע ווערטער פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם אין אַ טעקסט פֿון זיבעצעטן י״ה; עס לוינט זיך אָבער יאָ איבערצוחזרן, אַז אין „צאינה־וראינה״ קומען פֿאָר אַחוץ „קריין״ און „נעבעך״ וואָס רעכענען זיך נישט ווייַל זיי זענען דאָך פֿאַרשפּרייט אין עלטערן מערבֿ־ייִדיש: „פּלייצע״ און „קאָברעץ״ – „פּלייצע״ געפֿינט זיך דאָרטן אַפֿילו צוויי מאָל... בייַ אַזאַ דיק בוך פֿון מיזרח־אייראָפּע איז דאָס ניט קיין גרויסער שניט – אָבער אַזוי איז עס.

אויך אין „מליץ־יושר״ איז דער מחבר פֿאָרזיכטיק און ניצט ווינציק סלאַווישע ווערטער, אָבער מע געפֿינט פֿאָרט אַ ביסל מער, כאָטש עס וועט ניט נעמען קיין סך צייַט זיי אַלע איבערצוציילן. אין דער אמתן געפֿינט מען ווידער צוויי, אָבער ווי באַלד דאָס בוך איז קלענער (דער פֿאַרנעם איז לערך אַ העלפֿט פֿון „צאינה־וראינה״, אויב אַרייַנרעכענען ביידע בענד פֿון צו״ר) איז עס פֿאָרט מער! מע געפֿינט ווידער דאָס וואָרט „פּלייצע״ – נאָר דאָס מאָל נישט צוויי מאָל: גאַנצע דרייַ מאָל! און דאָס וואָרט „כאָטשע״ וואָס כאָטש אַ סך מיינען אַז דאָס וואָרט איז פֿאַרשפּרייט אין מערבֿ, ווייס איך ניט וועגן קיין עלטערע מקורים... דאָס וואָרט „פּלייצע״ ווערט גענוצט ווי אין „צאינה־וראינה״ פֿאַר דער באַצייכענונג פֿון דעם פֿלייש בייַ אַ בהמה לעבן דעם אַלטפֿרענקישן דייַטשיש־שטאַמיקן עקוויוואַלענט „בוג״. דאָס וואָרט „כאָטשע״ קומט פֿאָר גאַנצע זיבן מאָל. אָט האָט איר אַ ציטאַט מיט ביידע ווערטער מיט אַ מאָל:[2]

[4] דארום האט אים הקדוש ברוך הוא היישן
געבן דאש בעשט פֿון דר גנצר (בהמה) דז איז
פֿון דען קאפף דיא קין באקן מיט דער צונג דאש
איז דש בעשטי פֿון דער גנצר (בהמה) אונ׳ דער
נאך דיא (זרוע) דש האט צוויא מארךביינר דש
איז אויך דש בעשטי /45/ עשן ווען חאטשי דער
שענקיל אויך האט צווייא מארך ביינר איז דש
פֿון דען בו׳ג אודר פליצ׳א דאך בעשר ווייל עש
נאהנטר איז צו דען הלז וואו דש לעבן בייא דר
בהמה איז׃

($69^{r}b$, l. 41–47) dorum hot im hakodeš-boruch-hu’ haißėn gebėn das best fun dėr gȧnzėr (bėhemė̠) dȧs̠ is̠ fun den kopf di’ kin-bakėn mit der zung das is̠ dȧs bestė fun der gȧnzėr (bėhemė̠) un’ der-noch di’ (sėrȯe‘) dȧs hot zwė’ march-bainėr dȧs is̠ auch dȧs bestė /45/ eßėn wen *ḥotschė* der schenkėl auch hot zwai’ march-bainėr is̠ dȧs fun den bu`g ȯdėr *plėz`ẹ* doch beßėr weil es nohėntėr is̠ zu den hȧls̠ wu dȧs lebėn bei’ dėr bėhemė̠ is̠ .

2 די פֿירקומענישן פֿון סלאַוויזמען: פֿליצ׳א ($38^{v}b$, ש. 49, $69^{r}b$, ש. 27, 46); חאטשי ($40^{v}a$, ש. 10, $45^{r}b$, ש. 31, $69^{r}b$, ש. 45, $69^{v}a$, ש. 31, 32, $69^{v}b$, ש. 20, $72^{v}a$, ש. 53).

דער פֿאַקט וואָס „פּלייצע“ קומט פֿאָר און וואָס עס ווערט געניצט אין אַ פּאָר מיט „בוג“ דערמאָנט שטאַרק אין צו״ר... דער אָפּטער באַניץ פֿון „כאָטשע“ אָבער ניט: אין צו״ר איז דאָס וואָרט נישטאָ!

אַגבֿ, „כאָטשע“ האָטביידע ביז הײַנט באַקאַנטע באַטײַטן פֿון „כאָטש“: אין דעם אָקערשט דערמאָנטן ציטאַט באַצייכנט עס אַן אָפּאָזיציע, עלעהיי „הגם“, דער באַטײַט „לכל־הפּחות“ איז דאָ למשל אין:

[5] דש זיין דיא ביינר פֿון דען קרבן דיא דא בייא טאג זיין נאך ניט פֿר ברענט /30/ גווארן האבן זיא מוזן אכֿטונג האבן דז זיא זאלן פֿר ברענט ווערן חאטשי איין גנצי נכט·

(69$^{v}$a, l. 29–33) dȧs sein di’ bainėr fun den korben di’ do bei’-tag sein noch nit fėr-brent /30/ gėworėn habėn si’ musėn achtung habėn dȧs̱ si’ solėn fėr-brent werėn ḥotschė ain gȧnzė nȧcht .

מע קען זיך משער זײַן אַז דער מחבר, וואָס האָט אין צו״ר לויט מײַן השערה אַכטונג געגעבן, זײַן שפּראַך זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך בכל תּפֿוצות אַשכּנז און אויסגעמיטן סלאַווישע ווערטער ווי אויך אַנדערע ספּעציפֿישע אויסדרוקן פֿון דעם אָדער יענעם געביט, איז שפּעטער געוואָרן ווינציקער אָפּגעהיטן – אָדער דאָס וואָרט „כאָטש“ איז געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט אַז ער האָט שוין פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז ניט גאַנגבאַר אין מערבֿ... סײַדן די מערבֿדיקע איבערדרוקער פֿון „צאינה־וראינה“ האָבן אונדז באַעוולט:

| | |
|---|---|
| „לכל־הפּחות“ קומט פֿאָר אין צו״ר 9 מאָל | און אין „מליץ־יושר“: 6 מאָל |
| „ווען־גלײַך“ קומט פֿאָר אין צו״ר 15 מאָל | און אין „מליץ־יושר“: 6 מאָל... |

צי קען אפֿשר געמאָלט זײַן אַז טייל פֿון די־אָ „ווען־גלײַך“ פֿאַרטרעטן אַן אַנדער וואָרט אין דעם מחברס כּתבֿ־יד און אַפֿילו אין די פֿאַרלוירענע פּוילישע דרוקן?

ווי געזאָגט, האָב איך געהערט אַ מיינונג אַז „כאָטש“ איז פֿון די סלאַווישע ווערטער וואָס מע געפֿינט יאָ אין מערבֿ אויך, אָבער מיר איז עס פֿון מערבֿדיקע מקורים ניט באַוווּסט, און איך קען בכלל ניט קיין עלטערע בײַשפּילן ווי די פֿון „מליץ־יושר“.

ביז איך האָב ניט געלייענט דעם „מליץ־יושר“ איז בײַ מיר דער עלטסטער „כאָטש“ געווען אין „גלילות־ישׂראל“, געדרוקט אין לובלין 1635, ווּ עס קומט פֿאָר בלויז איין מאָל, און דאָס איז אויך אַ בוך וואָס האָט זיך געדרוקט אין פּוילן, און דאָס איז מיט אַ טוץ יאָרן שפּעטער ווי דער ערשטער „מליץ־יושר“!

עס פֿעלן אויך ניט אין בוך אויסדרוקן, וואָס קלינגען גאַנץ היימיש און מאָדערן, כאָטש זייער געשיכטע איז שווערער צו דערגרונטעווען ווײַל זיי זענען ניט קיין סלאַוויש־שטאַמיקע און זייער געשיכטע הייבט זיך אַוודאי אָן אין מערבֿ.

לאָמיך בלויז דערמאָנען אַ פּאָר ווערטער וואָס געפֿינען זיך דאָ און דאָרטן אין „מליץ־יושר“.

איך האָב פֿאַרנאָטירט ווערטער וואָס געפֿינען זיך אויך אין פֿריִערדיקע טעקסטן, וואָס זענען אָבער רעלאַטיוו זעלטענע און חנעוודיקע דערצו, ווי למשל עטלעכע שיינע פּירקומענישן פֿון „פּאָלעש“ /פּאלש/ (71$^{v}$a, ש. 23, 25, 29, 31, 34, 37, 41) די געשיכטע פֿון דעם וואָרט האָט פֿרוי טים באַשריבן אין איר „היסטאָרישער ייִדישער סעמאַנטיק“), אין בײַשפּיל פֿאַר דער מ״צ „דאָקטוירים“ /דוקטורים/ (39$^{v}$a, ש. 37), די פּאַרטיציפּן „געפֿאָרכטן“ /גיפֿארכטן/ (51$^{v}$a, ש. 19) און „געמאָסטן“ /גימאשטן/ (37$^{v}$b, ש. 37),

דער אויסדרוק „מיטן דערינען“ /מיטן ד(א)רינן/ (9$^{r}$a, ש. 58, 37$^{r}$a, ש. 19, 64$^{r}$a, ש. 32, 64$^{r}$b, ש. 12–13, 69$^{r}$a, ש. 46) וואָס איז אַגבֿ אויך דאָ אין צו״ר, ווי אויך דאָס וואָרט „פֿאָדעם“ /פֿאדם/פֿעדם (ל״ר)/ (31$^{v}$b, ש. 18, 40$^{v}$a, ש. 29, 54$^{v}$b, ש. 34, 38), דאָס וואָרט „אומעטום“ /אומטום/ (55$^{r}$a, ש. 52) וואָס דאָרטן קומט עס ניט פֿאָר, מײַן באַליבטסטער זאַץ איז אָבער מסתּמא דער־אָ:

[6] דא איז קשה פשיטא ווען ער ווערט רואן בייא ישראל הקדוש ברוך הוא · אונ׳ וויא היבט זיך אן דז עש זאלט הקב׳ה מיאוס זיין פֿר ישראל · דער תירוץ איז [...]

(46$^{r}$a, l. 56) do iṣ košẹ pė́šitẹ wen er wert ru’ė́n bei’ Jiśro’el hakodeš-boruch-hu’. un’ wi’ hė́bt sich an dá̇ṣ es solt HKB’H mi’eṡ sein fá̇r Jiśro’el. der thė́rez iṣ [...]

דאָ קומט פֿאָר „זיך אָנהייבן“ מיטן טײַטש „מעגלעך זײַן, געמאָלט זײַן“ (אין נעגאַטיווע און אין פֿרעגזאַצן). דאָס געדענק איך ניט, אַז איך זאָל עס האָבן געלייענט אין אַ פֿריִערדיקן טעקסט... און זייער טשיקאַווע זעט מיר אויך אויס דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר (13 מאָל), „אלא ודאי“[3] ווו איך וואָלט מסתּמא געזאָגט „אלא וואָדען?“ – פֿרעג איך זיך, צי עס איז ניטאָ אפֿשר אַ פֿאַרבינדונג... דאָס דאַרף איך אָבער שוין פֿרעגן ביי אַנדערע!

מיט דער־אָ רשימה האָב איך דער עיקר געוואָלט דערמאָנען אַז ס׳איז נאָך דאָ אָן אַ שיעור ווערטער וואָס זייער געשיכטע דאַרף ערשט ווערן אויסגעפֿאָרשט – און יעדער בוך ברענגט דערצו זײַן צושטײַער.

אָבער אַז מיר האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאַרגלײַכן ביידע חיבורים, לייגט זיך אויפֿן שׂכל נאָכקאָנטראָלירן די קריטעריעס וואָס איך האָב געניצט אויף צו ווײַזן אַז געוויסע טיילן, דער עיקר פֿונעם צווייטן באַנד צו״ר זענען דווקא ניט פֿון דעם זעלביקן מחבר, נאָר אַז ער האָט איבערגעשריבן אָדער איבערגעדרוקט פֿון גרייטן. – דאָס זעט זיך דורך דעם, וואָס געוויסע ווערטער און אויסדרוקן קומען דאָרט פֿאָר וואָס זענען געוויינטלעך ניט אין זײַן וואָקאַבולאַר.

די־אָ ווערטער טאָרן אין פּרינציפּ אויך ניט זײַן אין „מליץ־יושר“, ווי באַלד דאָס איז זײַנס און איך האָב גוט באַשריבן זײַן שפּראַך. – טאַקע געפֿינט זיך צ״ב נישט 1) „צונויף“ (/צו־הויף/) וואָס קומט פֿאָר 5 מאָל אין צו״ר אין דער קליינער כּמו־מגילה וועגן חורבן־ירושלים (זיכער נישט פֿון דער פֿעדער פֿון בעל־הצו״ר). דאָס איז בכלל נישטאָ אין דעם רעשט טעקסט – און אויך נישטאָ אין „מליץ־יושר“.

אַזוי איז אויך מיט דער פֿאָרעם 5) „ער האָרט“ (/הורט/) שטאָטס „ער הערט“, 7) „פֿאָר־“ (/בֿור/) ווי אַ פּרעפֿיקס פֿאַר ווערבן שטאָטס „פֿער־/פֿאַר־“, 13) די פֿאַרגאַנגענע צײַט „וואַס“ (/וואש/) שטאָטס „וואַר“ אָדער „איז געווען“, און 14) „מענטש“ מיט אַ טית ווי אין מאָדערנעם כּללישן אויסלייג. אַנדערע פֿון די „געפּסלטע“ ווערטער קומען יאָ פֿאָר איין אָדער אַ פּאָר מאָל, אָבער גענוג זעלטן, עס זאָל ניט זײַן קיין שטער. איין קריטעריע אָבער פּאַסט ניט: „ניקס“ מיט דעם טײַטש „גאָרנישט“ קומט פֿאָר 179 מאָל אין „מליץ־יושר“, כּאָטש עס איז כּמעט ווי נישטאָ אין די „נאָרמאַלע“ טיילן פֿון צו״ר... אין צו״ר איז נאָרמאַל דאָס וואָרט „נישט“ (וואָס טרעפֿט זיך דאָרטן מער ווי 700 מאָל – אין „מליץ־יושר“ נאָר 7 מאָל אין גאַנצן).

3 דהײַנו: 2$^{r}$b, ש. 58, 2$^{v}$a, ש. 11, 18$^{v}$b, ש. 36, 26$^{v}$b, ש. 10, 28$^{r}$a, ש. 32, 32$^{r}$a, ש. 24, 36$^{v}$b, ש. 19, 44$^{r}$b, ש. 27, 56$^{r}$a, ש. 48, 64$^{v}$a, ש. 39.

ס׳איז שווער צו אינטערפּרעטירן דעם־אָ מצבֿ – עס קען פּשוט זײַן, אַז דער מחבר האָט טאַקע געביטן זײַן געוווּנטשאַפֿט אין דעם פּרט, אפֿשר באַמערקנדיק אַז דער באַטײַט פֿון „נישט" איז אומקלאָר. די מאָדערנע שפּראַך איז אַריבער צו „גאָרנישט", אין „מליץ־יושר" איז דאָ די אַנדערע לייזונג „ניקס", וואָס איז אין מאָדערנעם ייִדיש גאָר זעלטן אָבער פֿאָרט נישט אומבאַקאַנט.[4]

יעדן פֿאַלס: נישט איינער פֿון די זעצערס איז שולדיק – כאָטש עס קען האָבן געווען אַ רעדאַקטאָר צווישן דעם מחבר און דער דרוקאַרבעט, און דעמאָלט וועלן מיר דאָס מסתּמא קיין מאָל ניט וויסן אויף זיכער! „ניקס" איז פֿאַראַן, ווי מע פֿאַרשטייט פֿון די צאָלן, איבערן גאַנצן בוך – אומאָפּהענגיק פֿון די זעצערס וואָס מען קען פֿונאַנדערשיידן לויט אויסלייג־אייגנקייטן זייערע... אפֿשר וועט איר מיינען אַז אונדזער מחבר האָט אַדאָפּטירט דאָס וואָרט „ניקס" שוין איידער ער האָט געשריבן אַ לעצט שטיקל פֿון זײַן פֿריִערדיקן בוך – און אַז מע דאַרף רעווידירן מײַנע אַרויסזאָגן וועגן דעם, וואָס ער האָט יאָ געשריבן און וואָס נישט... קען איך אײַך באַרויִקן: צוליב דער קריטעריע אַליין בײַט זיך נאָך „ניקס".

ווי פֿריִער געזאָגט, עס ווײַזט זיך אַרויס אין דעם בוך, ווי אין עטלעכע אַנדערע, אַז צוויי זעצערס האָבן געאַרבעט אײנצײַטיק אויף אים און אַז דער גרענעץ ווו עס בײַט זיך די אַרבעטנדיקע האַנט פֿאַלט זיך צונויף מיט דעם אָנהייב פֿון אַ נײַעם קונטרס, אין דעם פֿאַל אַ קונטרס פֿון צוויי טאָפּלבלעטער (דערפֿאַר זאָגט מען אַז דאָס בוך איז געדרוקט אין „ביניאָנען"). – מע דאַרף שאַרפֿן דאָס אויג צו געפֿינען אַ וואָרט אָדער אַ פּאָר אָפּטע ווערטער בײַ וועלכע ביידע זעצערס האָבן אַן אַנדערן באַליבטן אופֿן זיי צו שרײַבן.

נאָך כאַראַקטעריסטישער, אויב מע קען געפֿינען, זענען טעכנישע טיפּאָגראַפֿישע מינהגים מחוץ דעם אויסלייג גופֿא. – אין דעם פֿאַל האָבן מיר עפּעס פֿון דעם מין: אַ זעצער וואָס האָט ליב אויסצושרײַבן די ווערטער „הקדוש ברוך הוא" און זיי נישט אַרײַנצוזעצן אין האַלבע לבֿנות (צופֿעליק האָט איר אָקערשט געזען צוויי פֿאַלן אַזעלכע, זע ציטאַט [4] און [6]), בשעת דער אַנדערער באַגנוגנט זיך בדרך־כּלל מיט דער געקירצטער פֿאָרם מיט נאָר פֿיר אותיות – און דאָס אָבער אָפֿט מאָל יאָ אין די האַלבע לבֿנות. די קלאַמערן בײַ דעם־אָ זייער אָפֿטן וואָרט קלעקן שוין אים צו כאַראַקטעריזירן!

קיינער איז נישט אין גאַנצן אויסגעהאַלטן און די גאַנצע סטאַטיסטיק וואָלט געווען אַ ביסל פֿאַרפּלאָנטערט (ווײַל די פֿאַרקירצונג אָן קלאַמערן קומט פֿאָר זייער אָפֿט אויף אַלע זײַטלעך, פֿ״גל ציטאַט [6]); אויב אָבער נעמען אין באַטראַכט נאָר די „עקסטרעמע" פֿאַלן: 1) אויסגעשריבן אָבער אָן קלאַמערן און 2) פֿאַרקירצט אָבער דווקא מיט קלאַמערן, באַקומט זיך אַ צעטיילונג וואָס דאַרף, מיין איך, באַלד איבערצײַגן. דאָס האָב איך פֿאַרצייכנט אויף

4 „ניקס" קומט פֿאָר פֿיר מאָל אין סטוטשקאָווס אוצר: אין נר. 545 (שפּ. 615א) ווי אַ סובסטאַנטיוו („אַ גאָרנישט, אַ נישטל [...] אַ ניקס"; דער סובסטאַנטיוו קומט פֿאָר אין יהואשס פֿאַבל „דער זאַנגשפּיץ און דער שטרוי" ווי אַ גראַמוואָרט ז. 72) און דרײַ מאָל אין פֿראַזעאָלאָגישע איינסן: „ניקס איז גוט צו די אויגן", „פֿאָרנט פֿיקס און אינעווייניק ניקס" (ביידע נר. 56, שפּ. 243ב), „אויבן פֿיקס, אונטן ניקס" (נר. 529, שפּ. 594א) – אַגבֿ אַזאַ געגראַמט שפּריכוואָרט איז דאָ אין דײַטש (Wander: »fix« 10 & 16) און אין „מראה מוסר" (פּראָג 1614 און שפּעטערדיקע אויסגאַבעס): *fornėn fiks un' hintėn niks*. צו די אַנדערע קריטעריעס זענען די צאָלן אַזוי (פֿ״גל נויבערג ז. 109–115): 2) **hinaus* (0), *hinein* (1×), *hénein* (1×) – 3) *noch denóchtér* (1×), *denócht* (1×), *denóch* (1×) – 4) *in teitschén* (1×) – 6) *an-zu-šprechén* (1×), *an-šprechén* (1×), *iklichém* (1×) – 8) *šprecht* (2×) [+ *šprich-wort* (2×)] – 9) *wedér* (1×) – 10) *géfrogt* (2×) – 11) *niks* (179×) – 12) *zu kopén* (1×).

אַ טאַבעלע. – כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן זעצער וואָס זעצט קלאַמערן אַרום „הקבה“ איז אויך וואָס ער שרײַבט „איַיער“ מיט אַן אַלף: /אייאר/ (זײַן קאָלעגע שרײַבט דאָס מיט אַן עין: /אייער/) און וואָס ער האָט ליב צו שרײַבן „אָדער“ מיט אַ װאָוו נאָך דער אַלף: /אודר/.

לשם קלאָרקייט ניץ איך אויף דער טאַבעלע גרויסהאַנטיקע סימנים פֿאַר איין זעצער, קליינהאַנטיקע פֿאַר זײַן קאָלעגע. ווײַל דער סימן „אויסגעשריבן הקב״ה מיט דער לענג“ איז צו זעלטן פֿאַר דעם „קליינהאַנטיקן“ האָב איך צוגעגעבן דעם o פֿאַר „אָדער“ מיט אַ װאָוו און דעם a פֿאַר „באַלד“ מיט אַן אַלף, וואָס זענען אויך גענוג כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים. אויב ניצן סימנים וואָס זענען בלויז אַן אָפּטערער באַנוץ פֿון דער אָדער יענער פֿאָרמע פֿון אַ וואָרט, ווען בײדע זעצערס ניצן די זעלביקע צוויי, וואָלט דאָס דערקלערן די טאַבעלע געוואָרן צו שווער, און דאָס גאַנצע וואָלט שוין געבליבן ניט איבערצײַגנדיק. איך האָב אָבער איבערגעקוקט עטלעכע אַנדערע סימנים, וואָס גיבן אַ גוטע קאָרעלאַציע מיט דעם וואָס איר זעט דאָ (אויף דער קומענדיקער זײַט).

עס באַקומט זיך אַז איין זעצער – דער וואָס האָט ליב אויסצושרײַבן „הקב״ה“ און שרײַבט אויך אַ לענגערן „באַלד“ מיט אַ לענגערן „אָדער“, וואָס איז אָבער שפּאָרעוודיק מיט קלאַמערן – דער „קליינהאַנטיקער“ אויף דער טאַבעלע, וואָס הייסט בײַ מיר דערווײַל מיטן צונאָמען A – האָט אויסגעזעצט אַלע קונטרסים מיט אַ גראָדן נומער, בשעת זײַן קאָלעגע האָט זיך פֿאַרנומען מיט די קונטרסים מיט אַן אומען נומער... אַחוץ צוויי מאָל, ווען ער האָט דערצו נאָך אונטערגעהאָלפֿן פֿאַרענדיקן די ערשטע העלפֿט פֿון די קונטרסים 8 און 10, זעצנדיק איין מאָל דעם לעצטן שפּאַלט פֿון דעם 30סטן בלאַט און בײַ דער צווייטער געלעגנהייט גאַנצע דרײַ שפּאַלטן פֿונעם 38סטן!... אין די פֿאַלן איז, פֿאַרשטייט זיך ניט זיכער, צי ער האָט טאַקע אָנגעהויבן מיט דער ערשטער שורה פֿון שפּאַלט... אָבער איך האָב שוין ניט קיין צײַט צו דעטאַליזירן וואָס אין יעדער שורה קומט פֿאָר.

ווי געזאָגט, מען קען זיך משער זײַן (לויט דעם וואָס איז באַקאַנט פֿון אַנדערע פֿאַלן), אַז די־אָ אייגנקייטן זענען ניט ספּעציפֿיש פֿאַר די אַמסטערדאַמער דרוקער, נאָר צו די לובלינער דרוקער פֿון דער ערשטער אויסגאַבע, און אַז אין אַמסטערדאַם האָט מען איבערגעדרוקט אות־באות, ברעכנדיק די זײַטן און די קונטרסים פּונקט אַזוי ווי אין דער ערשטער אויסגאַבע, אַזוי אַז די גרענעצן ווו עס בײַטן זיך די אויסלייג־קאָנווענצן בלײַבן טיפּאָגראַפֿיש לאָגיש. – אויב מע וואָלט געדרוקט אין אַן אַנדער פֿאָרמאַט, און בײַטנדיק דערבײַ דאָ און דאָרטן דעם אויסלייג, וואָלט אונדז אָנגעקומען אַ סך שווערער צו פֿאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך (צום באַדויערן זאָגן אונדז עלטערע דערמאָנונגען פֿון דער לובלינער אויסגאַבע ניט וויפֿל בלעטער זי האָט פֿאַרמאָגט, מוזן מיר בלײַבן בײַ דער השערה).

פֿון דער השערה באַקומט זיך אָבער אַ נײַע בקשה צו דער שפּעטערדיקער פֿאָרשונג: זאָל מען אַזוי אַנאַליזירן די לובלינער דרוקן וואָס זענען יאָ נאָך פֿאַראַן אין כאָטש איין עקזעמפּלאַר אויף דער וועלט, ס׳וועט אפֿשר זײַן מעגלעך צו ווײַזן, אַז די זעלביקע צוויי אַרבעטער האָבן דאָרטן מיטגעאַרבעט בײַ אַנדערע דרוקן – און אַז מע וועט וויסן גענוג וועגן די אויסלייג־געוווינטשאַפֿטן פֿון פּוילישע זעצערס אין 17טן י״ה וועט מען אפֿשר אַפֿילו קענען פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע: ווו האָט זיך געדרוקט די ערשטע צו״ר? אין לובלין, צי אין קראָקע?

... און בכלל, וועגן דעם „מליץ־יושר“ קען מען נאָך פּירלייגן אַ סך אַ סך וואָגיקע פּראָיעקטן – אָבער אויף דערווײַלע באַגנוגן איך זיך מיט דעם אָ איבערבליק איבערן מאַטעריאַל!

## אויסלייג־וואַריאַנטן אין מליץ־יושר: צוויי זעצערס

| L. | 1ra | 1rb | 1va | 1vb | 2ra | 2rb | 2va | 2vb | 3ra | 3rb | 3va | 3vb | 4ra | 4rb | 4va | 4vb |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 0 | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1 = 1–4 | (H1 | | | | | | (H1 | | (H2 | (H2 | (H12 | | (H15 | (H1 | (H3 | (H2 |
| 2 = 5–8 | | | | a | o3 a | o1 | | | o1 a | a | hak1 | a3 | o1 a5 | hak8 a | hak2 a2 | o2 |
| 3 = 9–12 | (H1 | (H1 | (H2 | (H3 | | (H1 o1 | (H1 | (H1 | (H1 | (H1 | | (H3 | (H2 | | | |
| 4 = 13–16 | | | | | | o2 | hak1 o2 | | a | a3 | hak1 o1 | hak2 o1 a | a | o3 a | | o1 |
| 5 = 17–20 | (H1 | | (H1 | | (H1 | | | | | (H1 | | (H1 | (H4 | | (H2 | (H5 |
| 6 = 21–24 | a2 | hak1 | hak1 | hak5 o1 | hak1 a | hak1 a | hak7 o4 a | a | | | hak1 o1 | hak1 o2 | | hak2 o1 | hak1 o1 | hak6 o1 |
| 7 = 25–28 | (H5 | (H6 | (H4 | (H4 | (H8 | (H13 | (H1 | | (H2 | (H3 | (H2 | (H3 | | (H2 | (H1 | (H4 |
| 8 = 29–32 | hak2 o1a | hak4 o2 | hak3 o1 | hak5 | hak2 o3 | hak2 | hak1 o1 | (H3 | | hak1 | | o1 | o1 | | | hak3 |
| 9 = 33–36 | (H5 | (H4 | (H9 | (H4 | (H4 | (H16 | (H4 | (H1 | (H1 | (H3 | (H2 | (H4 | (H5 | (H11 | (H3 | (H10 |
| 10 = 37–40 | hak2 o4a2 | hak3 o3a3 | hak2 a2 | | hak4 | (H4 | (H9 | (H9 | hak3 | hak5 o1 | o1 | hak1 | hak4 o1 | | hak1 | hak4 o1 |
| 11 = 41–44 | (H4 | (H2 | (H2 | (H1 | (H5 | | (H7 | (H8 | (H7 | (H3 | | | (H7 | (H3 | (H1 | |
| 12 = 45–48 | hak1 o4 | hak5 o2 | hak7a | hak4 o4 | hak2 | hak2 | hak1 | hak3 o1 | hak2 | hak1 | o1 | hak9 | hak1 | o2 | o1 | hak2 o1a |
| 13 = 49–52 | (H3 | (H3 | (H1 | (H1 | (H4 | (H2 | (H4 | | (H1 | | | | (H1 | | (H1 | (H1 |
| 14 = 53–56 | | hak7 | hak5 a | hak10 o1 | hak7 | hak2 | hak5 | hak2 o1 | hak2 a | | o1 | hak2 o1a | hak2 o1 | hak1 o1 | hak2 | |
| 15 = 57–60 | (H15 | (H6 | (H9 | (H1 | (H3 | (H6 | (H6 | | (H3 | (H6 | | | (H5 | (H10 | (H5 | (H10 |
| 16 = 61–64 | hak7 o2 | hak2 | hak2 | hak1 | o1 | hak1 | hak1 | hak1 o1a | hak4 | hak4 | hak7 | hak1 | | hak4 | | hak4 o3 |
| 17 = 65–68 | (H3 | (H3 | | (H9 | (H15 | | (H2 | (H6 | | (H2 | (H2 | (H3 hak1 | (H7 | (H3 | (H1 | (H3 |
| 18 = 69–72 | hak2 | hak2 o4 | hak4 | hak2 o2 | hak2 o2 | hak7 o2 | hak1 | hak4 | o1 a | o1 | hak1 o1a2 | hak4 a2 | hak1 | hak4 | | hak1 |
| 19 = 73–76 | (H4 | (H3 | (H14 | (H1 | (H4 | (H3 | (H8 | (H2 | (H7 | (H3 | hak1 | hak2 | hak2 | hak1 | | a |

(H = (הקב״ה)  o = אודר
hak = הקדוש ברוך הוא  a = באלד

## ביבליאָגראַפֿיע


Geršȯn ben Eli'eser, 1635: *Gėliless-'erez-Jiśro'el*. Lublin. [Shmeruk 53, ed. Ben-Zvi, Jerusalem 1953]

Ja'ėkov̄ b. Jizḥok Ašcenasi, 1687/88: *Meliz-jȯšer*. Amsterdam.
[דער פֿראַנקפֿורטער עקזעמפּלאַר (jüd. germ. 30) איז פֿאַראַן אין אינטערנעץ:
(urn:nbn:de:hebis:30:2-3467); פֿון דעם אָקספֿאָרדער עקזעמפּלאַר איז פֿאַראַן
אַ מיקראָפֿיש־אויסגאַבע]

– 1622: *Zė'ene̱-uRė'ene̱*. »Basel« (Hanau) – Amsterdam 1648.
[עס זענען דאָ מיקראָפֿיש־אויסגאַבעס פֿון דער אַמסטערדאַמער און פֿון דעם
ערשטן באַנד פֿון דער כמו־באַזעלער אויסגאַבע]

Neuberg, Simon, 1999: *Pragmatische Aspekte der jiddischen Sprachgeschichte am Beispiel der »Zenerene«* (= jidische schtudies 7). Hamburg: Buske.

Selikmȧn Ulma Ginzburg, 1614: *Mar'e̱-muṡar; der zucht-špigėl*. Prag.
[שפּעטערדיקע אויסגאַבעס (Prag 1678, Frankfurt am Main 1680, Offenbach
1716, Sulzbach) זענען צוטריטלעך אין אינטערנעץ. דער ציטירטער זאַץ געפֿינט
זיך בײַם זוכוואָרט (א־72): „איסתרא בלגינא קיש קיש קריא“]

Shmeruk, Khone, 1981: *Sifrūt yīdīš bě-Pōlīn*. Jerusalem: Magnes.

Stutchkoff, Nokhem, 1950: *Der oytser fun der yidisher shprakh*. New York: YIVO.

Timm, Erika, 2005 (unter Mitarb. von Gustav Adolf Beckmann): Historische jiddische Semantik; die Bibelübersetzungssprache als Faktor der Auseinanderentwicklung des jiddischen und des deutschen Wortschatzes. Tübingen: Niemeyer.

Wander, Karl Fr. W., Hg., 1867–1880: *Deutsches Sprichwörterlexikon*. 5 Bde. Leipzig: Brockhaus.

Yehoyesh, 1912: *Fablen*. New York: Oyfgang.